# פרשת בשלה - משפטים ז׳ - כ״ז שבט תשע״ט לפ״ק

***יום ראשון פרשת בשלה***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או״ח הלכות דברים הנוהגים בסעודה סימן קע״ט סעיף א׳) בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט״א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**דער** נביא זאגט אויף די גאולה העתידה וואס מיר ווארטן שוין בכל יום שיבוא, אני ה׳ בעתה אחישנה (ישעיה ס-כב), ווען עס וועט קומען די צייט, וועט דער אייבערשטער אונז אויסלייזען. פרעגט די גמרא (סנהדרין צח.) אז עס איז א סתירה. ׳בעתה׳ איז טייטש, ווען עס וועט זיין די צייט, און ׳אחישנה׳ איז דער טייטש, אז איך וועל עס צואיילען. זאגט די גמרא, טאמער איז מען זוכה, ׳אחישנה׳, וועט דער אייבערשטער צואיילען די גאולה. און אז נישט, לא זכו, וועט עס זיין ׳בעתה׳, אין איר צייט. עס קען זיין אז עס ליגט דערין נאך א געדאנק.

**דער** פסוק (מיכה ז-טז) זאגט אויף די גאולה העתידה, וכימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות. אזוי ווי ווען דו ביסט ארויסגעגאנגען פון מצרים האב איך געוויזען נפלאות, אזעלכע נפלאות וועט אויך זיין ביי די גאולה העתידה. - מען זעהט ווען מען איז ארויס פון מצרים, איז משה רבינו געקומען, און ער האט געזאגט פאר פרעה, נלכה נא דרך שלשת ימים במדבר (שמות ה-ג), מיר ווילן גיין א וועג פון דריי טאג אינעם מדבר, און מיר וועלן דינען דעם אייבערשטען. און מען האט זיך געדינגען, יא ארויסלאזן נישט ארויסלאזן. לכאורה איז דאך די דריי טעג איז געווען פטומי מילי בעלמא. האט דען משה רבינו געוואלט ארויסגיין נאר אויף דריי טעג?! ער האט דאך געוואלט ארויסגיין אינגאנצן פון מצרים. פארוואס האט ער געערעדט נאר פון דריי טאג. פארוואס נישט פיר טאג, פינף טאג, צוויי טאג. און צום סוף האט ער דאך די דריי טאג אויך נישט מקיים געווען, און מען איז ארויסגעגאנגען אינגאנצן.

**ווען** יודען זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, איז געשעהן צוויי נסים פון קפיצת הארץ. איינס שטייט אין רש״י די וואך, און איינס שטייט אין רש״י פרשת יתרו. די פסוק זאגט, ואשא אתכם על כנפי נשרים ואביא אתכם אלי (שמות יט-ד), איך האב ענק ארויפגעלייגט על כנפי נשרים, אויף א אדלער, און איך האב ענק געברענגט צו מיר. זאגט רש״י אויף דעם פסוק, אז יודען זענען געווען צושפרייט אין גאנץ ארץ גושן, ארץ גושן איז א גרויסע שטאט. און ווען עס איז געקומען די צייט אז מען זאל ארויסגיין פון מצרים, זענען געקומען כנפי נשרים, און מען האט צוזאמגענומען אלע יודען פון גושן [רש״י זאגט נישט ווי אזוי], און מען האט זיי אראפגעשטעלט אין רעמסס. רעמסס איז געווען א שטעטל אין מצרים. פון איבעראל האט מען צוזאמגענומען יודען, און מען האט זיי אראפגעשטעלט אין רעמסס. שפעטער ווען אלע יודען זענען געווען אין רעמסס, שטייט אין פסוק די וואך (יב-לז) ויסעו מרעמסס סוכתה, פון רעמסס זענען זיי געגאנגען צו סוכות. זאגט רש״י, אז ווען אלע יודען זענען געווען אין רעמסס, האט מען זיי אויפגעהויבען, און מען האט זיי אראפגעשטעלט אין סוכות. און רש״י זאגט, אז פון רעמסס ביז סוכות איז א וועג פון הונדערט און צוואנציג מיל צו גיין, און זיי זענען אנגעקומען אהין אין א קורצע צייט.

**די** גמרא (פסחים צג:) זאגט, מהלך אדם עשרה פרסאות ביום, א מענטש קען גיין אין איין טאג צען פרסאות. יעדע פרסה איז פיר מיל, קומט אויס, אז א וועג וואס א מענטש גייט א טאג, איז פערציג מיל. קומט אויס, אז ווען מען איז געגאנגען דא הונדערט און צוואנציג מיל אין א סעקונדע, איז עס א דרך פון שלשת ימים, א וועג פון דריי טאג, ווייל אין דריי טאג קען מען גיין הונדערט און צוואנציג מיל. - ׳נא׳ איז טייטש ׳עתה׳, יעצט. משה רבינו האט געזאגט פאר פרעה, ווען אונז וועל מיר ארויסגיין פון מצרים, נלכה נא, וועלן מיר גלייך גיין דרך שלשת ימים. געוועהנליך נעמט דריי טאג אנצוקומען קיין סוכות, אבער מיר וועלן עס מאכן שנעל, ווען אונז גיי מיר ארויס פון דא, וועלן מיר שוין גיין א וועג פון שלשת ימים. איז דאס נישט געווען קיין ליגנט, ווייל עס איז טאקע אזוי געווען, אז אין דעם טאג פון יציאת מצרים, זענען יודען גראד געגאנגען א וועג פון שלשת ימים, און מען איז אנגעקומען אויף די שטאט סוכות.

**לא** עביד קודשא בריך הוא ניסא למגנא, דער אייבערשטער מאכט נישט קיין נסים אומזיסט. פארוואס זענען געווען די נסים? מען האט נישט געקענט ארויסגיין ווי נארמאלע מענטשען? ווען מען גייט ארויס, זאל יעדער ארויסשפאצירען פון מצרים. וואס איז געווען דער ענין, אז קודם האט מען זיך צוזאמגענומען פון גושן אויף רעמסס, און פון רעמסס איז מען ארויס פון מצרים. און אלעס איז געגאנגען בשעה קלה, על כנפי נשרים.

**עס** שטייט אין מדרש, אז יעדע גזירה פונעם אייבערשטען איז אויסגעמאסטן, ווען עס זאל זיך אנהייבן, און ווען עס זאל זיך ענדיגן. דער מדרש (ב"ר פט-א) ברענגט צו א פסוק אויף יוסף (איוב כח-ג), קץ שם לחושך, דער פינסטערנישט וואס יוסף האט געדארפט אדורכגיין, האט דער אייבערשטער געהאט צוגעגרייט א קץ, א ענדע, ווען דאס וועט זיך ענדיגן. יוסף איז געזעסן אין תפיסה אזויפיל יארן, און ווען עס האט זיך געענדיגט דער זמן וואס ער האט געדארפט זיין אין תפיסה, ויהי מקץ שנתיים ימים, ופרעה חולם, האט פרעה געחלומ'ט, און עס איז תיכף געקומען די ישועה, און יוסף איז ארויסגעגאנגען.

**עס** שטייט אין די גמרא (עבודה זרה נו.) אז אלע יסורים וואס א מענטש באקומט, משביעין אותו, טוט מען באשווערן די יסורים, אז זיי זאלן נישט גיין, נאר ביום פלוני, נאר אין דעם טאג. ולא תצאו, און זיי זאלן נישט אוועקגיין, אלא ביום פלוני ובשעה פלונית. עס איז אויסגערעכנט אויפן זייגער, ווען עס דארף קומען, און ווען עס דארף אדורכגיין. קומט אויס, אז גלות מצרים וואס האט געדארפט זיין פיר הונדערט יאר, האט געדארפט זיין פיר הונדערט יאר פון מינוט צו מינוט. נישט מיט א מינוט פריער, און נישט מיט א מינוט שפעטער. ויהי בעצם היום הזה יצאו כל צבאות ה' מארץ מצרים (שמות יב-מא), ווען עס ענדיגן זיך די פיר הונדערט יאר, גייט מען ארויס פון מצרים. בעצם היום הזה דאס איז חצות, אינמיטן פונעם טאג זענען אלע יודען ארויס פון מצרים.

**עס** זענען געווען זעקס הונדערט טויזנט מענטשען וואס זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, איבער א האלב מיליאן מענטשען. און דאס איז געווען נאר פון צוואנציג יאר און העכער, לבד מן הטף. די ווייבער מיט די קינדער זענען נישט אריינגערעכנט אין דעם. רעדט מען דאך דא פון אומוויינינגסטענס א מיליאן מענטשען וואס זענען ארויס פון מצרים. די גמרא (בכורות ה:) זאגט, אז יעדער יוד איז ארויסגעגאנגען פון מצרים מיט ניינציג חמורים וואס זענען געווען אנגעלאדענט מיט כסף וזהב פון די מצריים. ווען מען זאל מאכן א חשבון וויפיל חמורים עס זענען ארויסגעגאנגען, א האלב מיליאן מענטשען וואס יעדער האט געהאט ניינציג חמורים, קומט עס אויס בערך פופציג מיליאן חמורים וואס האבן געדארפט ארויסגיין פון מצרים צופוס. פאר פופציג מיליאן חמורים, און א האלב מיליאן מענטשען, וואלט געדארפט נעמען א פאר טאג, ביז מען קומט אן צו די גרעניץ פון מצרים. און אז מיליאנען מענטשען דארפן אדורכגיין די גרעניץ פון מצרים, וואלט אויסגעקומען אז דער ערשטער יוד וואס גייט ארויס פון מצרים, ער איז טאקע אויסגעלייזט געווארן אין די רגע ווען עס האט זיך געענדיגט דער גלות, אבער דער לעצטער יוד וואס איז ארויסגעגאנגען, האט געהאט גלות מיט אפאר טעג לענגער, ווייל עס האט גענומען צייט ביז מען גייט ארויס. און דער אייבערשטער האט דאך געזאגט, אז אלע יודען וועלן נישט זיין אין מצרים מער פון פיר הונדערט יאר, האט געמוזט זיין, אז אין די רגע פון עצם היום הזה, זאלן ארויסגיין כל צבאות ה' מארץ מצרים, יעדער זאל ארויסגיין. ווי אזוי איז דאס מעגליך? האט דער אייבערשטער געמאכט א נס, אז פאר עס איז געקומען דער עצם היום הזה, זענען אלע יודען וואס זענען געווען צוווארפען אין מצרים, אנגעקומען אויף איין פלאץ, אין רעמסס. מען איז נאך אין מצרים, מען איז נאכנישט ארויסגעגאנגען. ווען עס איז געקומען בעצם היום הזה, די רגע פון יציאת מצרים, האבן זיך אלע אויפגעהויבן אין א סעקונדע, און זיי האבן זיך געפונען אינדרויסן, הונדערט און צוואנציג מיל ווייטער. כדי צו ווייזען אז דער בעצם היום הזה וואס דער אייבערשטער האט געזאגט, אז עס וועט זיין די ישועה, איז די ישועה אויסגערעכנט אויף די האר ווען עס דארף צו זיין. עס איז קיינער נישט ארויסגעגאנגען פון מצרים שפעטער פונעם חבר, אלע זענען אויף אמאל אנגעקומען ארויס פון מצרים.

**עס** שטייט אין **ספורנו**, אז ווען יוסף האט געדארפט ארויסגיין פונעם בור, שטייט אין פסוק (בראשית מא-יד)

ויריצהו מן הבור, מען האט אים געאיילט ארויסצוגיין פונעם בור. וואס איילט מען, ביז יעצט איז געווען צייט, און יעצט יאגט מען שוין? זאגט דער **ספורנו** (שם), כך היא דרכה של הקב"ה, אז ווען די ישועה קומט אן, גייט עס שנעל. פתאום יבוא אל היכלו האדון אשר אתם מבקשים. עס איז דא א צייט וויפיל יוסף דארף זיין אינעם בור, אבער ווען עס האט זיך געענדיגט די צייט, איז ויריצהו, האט מען אים נישט געלאזט זיין דארט מיט א מינוט לענגער. מען האט אים געיאגט, אז ער זאל ארויסגיין פון דארט. און אזוי איז געווען ווען מען איז ארויס פון מצרים, אז דער אייבערשטער האט ארויסגעיאגט גאנץ כלל ישראל פון מצרים.

**און** אזוי וועט אויך זיין לעתיד. מירווארטן דאך אויף די גאולה, עס וועט נישט נעמען א לאנגע צייט ביז ויקבץ נדחינו מארבע כנפות הארץ, מען וועט דארפן צוזאמנעמען יודען מארבע כנפות הארץ. און עס נעמט דאך צייט ביז מען וועט זיך צוזאמנעמען און גיין קיין ארץ ישראל. וועט דער באשעפער אין א סעקונדע צוזאמנעמען אלע נדחי ישראל אויף איין פלאץ, און נאכדעם וועט קומען א ענן, און אין א סעקונדע וועלן מיר ארויסגיין פונעם גלות, און אנקומען אויף ארץ ישראל. אני ה' בעתה, ווען עס וועט קומען דער בעתה, אחישנה, וועט עס דער אייבערשטער מאכן שנעל. עס איז נישט קיין סתירה דער 'בעתה' מיט 'אחישנה'. 'בעתה', ווען עס קומט די צייט, 'אחישנה', וועט דער אייבערשטער מחיש זיין די ישועה. און דאס איז דער וכימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, אזוי ווי ווען מען איז ארויס פון מצרים איז די ישועה געקומען פאר אלע יודען אין די זעלבע סעקונדע, אזוי אויך ווען מיר וועלן ענדיגן דעם גלות, וועלן מיר זוכה זיין צו אראנו נפלאות, ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **שלום מענצער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **משה ברילל** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שני פרשת בשלח</u>***

אחר תפלת שחרית שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **גבריאל געשטעטנער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש נייטרא.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

*

***<u>יום שלישי פרשת בשלח</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אשר יואל פאללאק** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת **הגה"צ רבי שמואל בראך זצ"ל** אב"ד אפסי ארץ נאנאש.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של בן הר"ר **אברהם יעקב פריינד** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מאיר יוסף פרענקעל** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת גאלדא. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר החופה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והלך לניחום אבלים אצל משפחת **הגה"צ רבי שמואל טייטלבוים זצ"ל**, ראה"כ מעוררי השחר.

***<u>מתוך השיחה:</u>***

**נסתובב השיחה אודות הרה"ג רבי יעקב הארענשטיין זצ"ל** (ר"מ בישיבת נייטרא)

**רבינו:** מען זאגט נאך, אז אין דעם טאג וואס ער איז געגאנגען צו די חופה, האט ער פארמיטאג געגעבן א שיעור. און די כלה'ס א ברודער האט געלערנט ביי אים, און ער איז נישט געקומען צום שיעור, ווייל עס איז דא היינט א חתונה...

**א' האבלים:** דער טאטע האט פארציילט, אז ווען ער האט געלערנט אין נייטרא, האט ער געוואלט אריינקומען צום **סאטמארער רב** אויף יום טוב שבועות תשי"ז, און ער איז געגאנגען פרעגן **רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל**, און ער האט אים נישט געוואלט געבן רשות. שבועות איז געווען מיטוואך און דאנערשטאג, און פרייטאג וועסטו נישט צוריקקומען, און שבת אויך נישט, דו וועסט פעלן א האלבע וואך. און מיין זיידע האט גערופן שתדל'ן, און עס איז נישט געווען צו וועם צו רעדן, און מיין טאטע איז געבליבן דארט אויף שבועות. א חודש צוויי שפעטער, איין פרייטאג צופרי, איז צוגעקומען צו אים א בחור, און ער זאגט אים, אז רבי מיכאל בער רופט אים. ער האט זיך זייער דערשראקן. ווען ער איז צוגעגאנגען, האט אים רבי מיכאל בער געזאגט, אז עס זענען דא אפאר עלטערע בחורים וואס פארן צום רבי'ן אויף שבת קיין שערן ספרינגס, און ער גיט אים רשות צו פארן. מיין טאטע האט געזאגט, אז ער האט אים געוואלט מפייס זיין, אבער ער האט שוין לאנג געהאט פארגעסן דערפון. מיין טאטע פלעגט זאגן, איך האב נישט קיין חרטה געהאט צו זיין ביי רבי מיכאל בער אויף שבועות.

**רבינו:** מען זאגט נאך אויף **רבי אהרן קאטלער זצ"ל**, אז א בחור האט אמאל געוואלט אוועקפארן צו זיין רבי אויף שבועות. און רבי אהרן האט אים געזאגט, דו ווילסט אוועקגיין שבועות פונעם בארג סיני?! האט דער בחור געזאגט, אבער משה רבינו איז דארטן...

**א' האבלים:** איך האב געהערט פון רבי אהרן פישער זאל זיין געזונט, אז ווען דער **סאטמארער רב** איז געפארן תשט"ז קיין ארץ ישראל, און די בחורים האבן געוואלט פארן צום צאתכם לשלום, האט **רבי מיכאל בער** געזאגט, יא, מען קען פארן. אבער פאר מען פארט ארויס, מוז ער ארויפקומען אויפן באס רעדן צו די בחורים. האט ער געזאגט, אריינפארן צו באגלייטן א צדיק איז זייער א חשובע זאך, אבער נאר אויב מען קען אים צוזאגן, אז קיינער וועט נישט ארויסקוקן פון די באס דעם גאנצן וועג אהין און צוריק, דעמאלטס קען מען פארן.

*

***יום רביעי פרשת בשלח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **חנא** נ"י בן הר"ר **יואל מייזעלס** הי"ו, ולהבחור **שמואל ישעי'** נ"י בן הר"ר **משה נפתלי טענענבוים** הי"ו.

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **שלום שפיערער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה.

אחר כך הסיב **רבינו שליט"א** לסעודת הברית, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פרשה פון שירת הים הייבט זיך אן, אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת לה' ויאמרו לאמר (שמות טו-א), עס שטייט אין מדרש (עיין **בדעת זקנים** שם) אז 'אז' איז בגימטריא אכט. מצות מילה איז ניתנה לשמיני, אין זכות וואס יודען האבן מקיים געווען מצות מילה, ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת, האבן זיי זוכה געווען צו זאגן שירה. יציאת מצרים איז געווען פארבינדן מיט מצות מילה, כל ערל לא יאכל בו (שמות יב-מח). יודען זענען געווען ערום ועריה, און מען האט באקומען צוויי מצוות, דם פסח און דם מילה, און מיט דעם זענען זיי ארויס פון מצרים (רש"י שם יב-ו). עס קען זיין נאך א קשר פון מצות מילה, וואס איז מרומז אין דאס ווארט 'אז', מיט ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת.

**עס** איז דא א ווארט פונעם הייליגען **קדושת לוי זי"ע** אויף דעם פסוק פון אז ישיר. דער הייליגער **קדושת לוי** ברענגט צו פונעם **בעל שם טוב הק'**, ה' צלך (תהלים קכא-ה) דער אייבערשטער איז אזוי ווי דער שאטן פון א מענטש. די זון שיינט, און א מענטש גייט אויף די גאס, און עס איז דא א שאטן, מאכט דער שאטן נאך, אלעס וואס דער מענטש טוט. יעדער בייג וואס ער בייגט זיך, ווי אזוי ער שטייט, ווערט עס נאכגעטון אינעם שאטן. א בוים גיט א שאטן, פונקט ווי דער צורה פונעם בוים איז, אזוי איז דער שאטן. אז דער בוים שאקעלט זיך, שאקעלט זיך דער שאטן אויך. אזוי אויך כביכול דער אייבערשטער ווערט נתעלה פון די עבודה וואס יודען טוען. ישראל נותנים כח בפמליא של מעלה (זוה"ק ח"ב לב:), וואס א יוד טוט, גיט ער א כח אויבן אין הימל. ה' צלך, דער אייבערשטער איז אזוי ווי דיין שאטן. וואס דו טוסט, רירט עס אן כביכול אויבן אינעם אייבערשטען.

**זאגט** דער הייליגער **קדושת לוי**, ווען א יוד זאגט שירה פארן אייבערשטען, איז ער מעורר אז דער אייבערשטער זאגט אויך שירה אין הימל, ווייל ה' צלך, וואס דו טוסט, טוט דער אייבערשטער. ווען יודען האבן געזאגט שירה על הים, איז נישט נאר זיי האבן געזאגט שירה, נאר די שירה איז געווען אין אזא מדריגה, אז זיי האבן מעורר געווען כביכול אז דער אייבערשטער האט אויך געזאגט שירה. זאגט ער, אז ישיר משה, שר לא נאמר, עס שטייט נישט אז משה רבינו האט אליין געזינגען, נאר ישיר, משה רבינו האט געמאכט זינגען, אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת, משה רבינו מיט יודען האבן געמאכט אז מען זאל זינגען די שירה. וואו האבן זיי געמאכט אז מען זאל זינגען די שירה, לה', צום אייבערשטען. זיי האבן געמאכט אז דער אייבערשטער זאל זאגן די שירה. ויאמרו, און זיי האבן געזאגט, לאמור, אז דער אייבערשטער זאל עס זאגן. אונז זאג מיר די שירה, און ווען מיר זאגן די שירה ערליך, טוט דער אייבערשטער אויך זאגן שירה.

**קומט** אויס, אז יעדע דבר טוב וואס א יוד טוט, איז נישט נאר וואס ער האט עס געטון פאר זיך, נאר כביכול ער איז מעורר אויבן אין הימל אז דער אייבערשטער זאל אויך אזוי טון. אין די גמרא שטייט (ברכות ז.), מנין שהקב"ה מתפלל, ווי אזוי ווייס איך אז דער אייבערשטער דאווענט, שנאמר (ישעיה נו-ז) והביאותים אל הר קדשי, ושמחתים בבית תפלתי, תפלתם לא נאמר אלא תפלתי, ווען א יוד דאווענט, איז ער מעורר אין הימל אז דער אייבערשטער דאווענט אויך. און וואס איז די תפלה פונעם אייבערשטען, יהי רצון שיכבשו רחמי את כעסי, ויגולו רחמי על מדותי. וואס א יוד טוט, איז ער מעורר אויבן אין הימל.

**די** חשוב'סטע מצוה וואס א יוד איז מקיים, און ער טוט עס בשמחה, ער טוט די מצוה מיט א שירה פארן אייבערשטען, איז מצות מילה. אזוי שטייט אין די גמרא (שבת קל.) כל מצוה שקבלו עליהם ישראל בשמחה, עדיין עושין אותה בשמחה. עס איז די איינציגסטע מצוה וואס יודען האבן מקבל געווען בשמחה, און מען טוט עס ווייטער בשמחה. אלע תרי"ג מצות האבן מיר אויך מקבל געווען פונעם אייבערשטען, אבער כפה עליהם הר כגיגית, עס איז נישט געווען א קבלה בשמחה. אבער מצות מילה האבן מיר מקבל געווען בשמחה, ועדיין עושין אותה בשמחה, יעדער יוד זעהט מען ביי א ברית, אפילו עס טוט ווי פאר א קינד, שפירט מען עס נישט, און מען טוט עס בשמחה.

**קומט** אויס, אז ווען א יוד איז מקיים מצות מילה, און ער טוט עס בשמחה, איז ער מעורר אויבן אין הימל, אז דער אייבערשטער זאל אויך זיין בשמחה. און אזוי ווי ווען אונז זאג מיר שירה, זאגט דער אייבערשטער אויך שירה, אזוי אויך ווען א יוד איז מקיים מצות ברית מילה, און ער דאנקט דעם אייבערשטען, און ער זאגט שירה פארן אייבערשטען, איז ער מעורר אויבן אין הימל, אויך די זעלבע. 'אז', גייט ארויף אויף מצות מילה, און עס איז א מצוה וואס עס איז קבלו עליהם ישראל בשמחה, דעמאלטס ווערט נתעורר אז 'ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת לה', טוען זיי מעורר זיין, אז כביכול דער אייבערשטער זאל אויך זאגן שירה.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בדרכו לפאלם ספרינגס למנוחה. - בשדה התעופה בפאלם ספרינגס נפגש **רבינו שליט"א** עם **כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א** (ק"י).

*

***שבת קודש פרשת בשלח***

התפלות וסעודה שלישית התקיימה בבית המדרש חב"ד בעיר. בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** את הרה"ג רבי **משה אונגאר** שליט"א (שיכון סקווירא).

* * *

***יום רביעי פרשת יתרו***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **אברהם** נ"י בן הר"ר **אליקים באדאנסקי** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, שהתקיים בשילוב השמחה לרגל האירוסין של בת **הרה"ג רבי יונתן דענעביים שליט"א** רב דביהמ"ד חב"ד בפאלם ספרינגס, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה.

* * *

***שבת קודש פרשת משפטים***

התפלות וסעודה שלישית התקיימה בבית המדרש חב"ד בעיר. בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** את הרה"ג רבי **שמחה בונם בערגער** שליט"א רב בית המדרש ד'ווילידז"ש גרין (מאנסי).